UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Azoy Zenen Yidn Gegangen Fun Poyln / This Is How Jews Walked Away From Poland

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/42x445cc

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

**Author**
Moshe Shklar, Moyshe Shklyar /

**Publication Date**
1978

**Copyright Information**
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

## משה שקליאַר

# אַזוי זענען יידן געגאַנגען פון פּוילן

(פראַגמענט)

...ס'האָט יענע צייט פאַרקריצט זיך אין זיכרון
און קיין מאָל מער געגעבן שוין קיין רו אים,
און איצט, ווען ר'איז פון פוילנלאַנד געפאָרן
אַ פאַרטריבענער, מיט יידן פול אַרום אים,
האָט ווידער דורכגעלעבט ער די קאָשמאַרן.
געדאַכט האָט אים ס'איז ווידער אַ סעלעקציע,
פון ערגעץ לויערן אויפסניי געפאַרן
און אַ געשריי אין מיטן נאַכט עס וועקט אים:
„יודען ראַוס!" און דאַן זיין קינד נעמט ביטער וויינען
און ס'טוליעט אים צו זיך די גוטע מאַמע.
אַ רגע בלייבט ער, יאָסל, ווי פאַרשטיינערט,
נאָר באַלד נעמט ער זיין האָב און גוטס צוזאַמען
און לאָזט אַראָפּ זיך צו דעם גרייטן בונקער,
וואָס אַליין די שכנים האָבן אויסגעמייסטערט,
און הגם זיי פילן דאָרט זיך ווי פאַרזונקען —
אין פינצטערניש און ענגשאַפט, אָן אַ טרייסט־וואָרט,
אין פינצטערניש און ענגשאַפט, אָן אַ טרייסט־וואָרט,
און ער האָט אים פאַרמיטן — ביז דער ענדע,
נאָר וויפל ער איז אויסגעשטאַנען ליידן
וויסן קאָן נאָר דער, וואָס איז געווען דאָרט.

---

נייטיקע בלוטיקע מלחמות פאַרלאָרן, זי זאָל נאָר לאָזן, האָפט ער, אַריינקוועטשן דאָרט נאָך אַן אַראַבישע מלוכהלע, וואָס זאָל דינען ווי אַ שפּרינג־בעט צו פאַרניכטן ישראל, וועלן „אַלע" דאַן זיין צופרידן. דאָס הייסט ביי סאַדאַטן און זיינע אונטערשטיצער שאַפן די מעגלעכקייטן פאַר אַ גלאָבאַלן און אמתן שלום אויפן מיטעלן־מזרח — נאָך דעם ווי זיי וועלן אָפּווישן מדינת ישראל.

איצט, ווי אַלע מאָל, איז די אַראַבישע וועלט צעשפּאָלטן לויט זייערע באַזונדערע קעגנגעזעצטע אינטערעסן. יעדע אַראַבישע מלוכה וויל פאַרכאַפּן די אַנדערע און ווערן די הערשערין איבער אַלע אַראַבער. דאָס איינציקע וואָס פאַראייניקט זיי איז זייער געמיינשאַפטלעכער האַס צו ישראל. איז דאָס גראַד ניט קיין נייעס, פּונקט ווי ס'איז ניט קיין נייעס, אַז חוץ די אַראַבער האָבן מיר נאָך אויך אַ „וועלט" מיט אייביקע יידישע שונאים. ווען עס וואָלט זיך געווענדט בלויז אין זיי וואָלטן מיר שוין לאַנג געווען אָפּגעווישט פון דער ערד. צום גליק האָבן מיר אַליין נאָך אויך עפּעס אַ דעה אין אונדזער לעבן. און די געדענקטעג פון יום־השואה און יום־העצמאות לאָזן אונדז דאָס קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

ווילן מיר האָפן און גלויבן, אַז ישראל וועט דאָס מאָל אויך געפינען אַ וועג ווי צו וועגן און מעסטן סאַדאַטס אמתע כוונות פון זיין איצטיקן שלום־בליץ, און לויט דעם און לויט אונדזער ביטערער היסטאָרישער דערפאַרונג אַליין באַשטימען איר וויטערדיקן וועג צו שלום און זיכערקייט צווישן אַלע אַראַבישע מלוכות.

ז. ש.

די רעדער רוישן, קלאַפּן אַלץ אָן אויפהער,
ווי ס'וואָלטן ערגעץ שטעפּן אויטאָמאַטן.
אָט דאַכט זיך אים — מען דאַרף, מען מוז אַנטלויפן,
נאָר פּלוצעם הערט ער רופן — טאַטע, טאַטע!
און ווידער זעט ער, ווי עס שטרעקן הענטלעך
זיך אַרויס צו אים פון יענעם וואָגן שוואַרצן,
און ער בלייבט אויפן ברוק שטיין ווי געפּענטעט,
גלייך ס'וואָלט דאָס בלוט געגליווערט אים אין האַרצן.
דאָס האָט מען זיי פון הויז אַוועקגענומען,
זיין ווייב און קינד, די טייערסטע און ליבסטע,
און ווען ער איז צוריק פון שאָפּ געקומען
שוין נישט געווען מיט וועמען זיך צו גריסן.
בלויז הענטלעך צווי געפּאַכעט פונעם וואָגן
און אַ געוויין די לופט האָט דורכגעשניטן,
גלייך ס'וואָלט דער קלאָג צום הימל זיך דערטראָגן
און באַלד וועט ער אַ פּאַל טאָן און פאַרשיטן
אַלץ און אַלעמען מיט שטיינער־שטערן.
נאָר דער הימל ז'נישט געפאַלן און די דייטשן
אין די שטאָל־מונדירן גרויע האָבן הערן
נישט געוואָלט מער דעם געיאָמער און צערייצטע
האָבן זיי פאַרקלאַפּט דאָס טירל. „אָפּגעפאָרן"!" —
געקומען אַ באַפעל איז פון דעם עלטסטן.
ער הערט נאָך איצט אים נאָך אַזוי פיל יאָרן,
ווען ס'פירט פון פוילן אים אַוועק דער שנעלצוג.

און ביז היינט ער קאָן אַליין גאָרנישט פאַרשטיין,
און ביז היינט ער קאָן אַליין גאָרנישט זיך שענקען —
ווי איז ער דעמאָלט אויפן אָרט געבליבן שטיין
און האָט דעם קאָפּ אין וואַנט זיך נישט צעזבענקעט.
ווער ווייסט ווי לאַנג ער איז אַזוי געשטאַנען?
נאָר ער געדענקט — ס'איז פינצטער שוין געוואָרן
ווען ער איז אַ צעבראָכענער געגאַנגען
אַרויף צום שטיבל אויפן פערטן גאָרן.
און דאָרטן האָט אויף אים פון יעדן ווינקל
אַ שאָטנדיקע ליידיקייט געהויערט,
אים האָט געדאַכט — אַדורך דעם טיפן טונקל
עס קוקן אויף אים אַ פּאָר אויגן גרויע —
די אויגן פון זיין פרוי, וואָס איז נישטאָ מער,
און דורך די אויגן קוקן צווייטע — בלויע
פון זיין יינגל. און דעמאָלט ערשט אַ יאָמער

די לופט האָט דורכגעשניטן, ווי צעוואָיעט
וואָלט זיך דאָס גאַנצע הויז פון דאַך ביז קעלער.
וואָס שפּעטער איז געשען ער ווייסט אַליין נישט.
ווען ער איז אויפגעקומען איז אַ העלער
פרימאָרגן שוין געשטאַנען און די ביינער
האָבן ווי געטאָן. געמוזט האָט ער אַוודאי
אין אָנמאַכט פאַלן. אין קאָפּ האָט ווי אַ האַמער
געזעצט אים, גלייך ער וואָלט געווען פאַרטשאַדעט.
פאַרוואָס ער האָט נאָך דעם זיך אַלץ געקלאַמערט
אין לעבן נישטיקן ווער קאָן איצט זאָגן?
ס׳איז מער שוין נישט געווען צו וואָס, פאַר וועמען,
נאָר עפּעס האָט אַ סטיכיע אים געטראָגן
פאַר אַלץ און אַלעמען נקמה נעמען!

דאָס אַלץ איז אים געקומען פאַר די אויגן
אינעם צוג, וואָס אויף דער שטרעקע וואַרשע—ווין.
געזעסן אויף דער באַנק איז ער געבויגן
און אין דרימל זיך צוריקגעקערט אַהין,
ווו יעדער שטיין ז׳אַמאָל געווען אים טייער.
צי זאָל זיין, אַז ס׳האָט די טרעפונג מיט די פריינד
אַזוי צעברענט זיין דמיון ווי אַ פייער
און אין טונקל פון דער נאַכט האָט אויפגעשיינט
אויף ס׳ניי דאָס אַלץ, וואָס איז געווען פאַרבלאַסט שוין?
דער צוג האָט זיך געוויגט און אים געדאַכט האָט —
ער וויגט זיך אויפן ים גלייך ווי אַ מאַסטבוים
אָפּגעריסן פון אַ שיפל, וואָס געקראַכט האָט.
און אפשר איז דאָס שיפל גאָר אַליין ער—
צום גרונט געגאַנגען און געבליבן ליגן.
געבליבן פון די שיפער איז נישט קיינער
און דאָך ער הערט נישט אויף זיך וויגן, וויגן — — —

יאָסל לערער האָט די אויגן אויפגעעפנט
און צוריק פאַרשלאָסן זיי אין נאַכט־שעה שפּעטער,
און באַלד געדאַכט האָט אים — ער גייט זיך טרעפן
מיט די קאַמפּס־חברים זיינע פונעם געטאָ.
ער דאַרף זיי עפּעס וויכטיקס איבערגעבן —
עס האָט דער שטאַב אים אָנפאַרטרויט אַט די שליחות.
אין פייער וועט ער וואַרפן איצט זיין לעבן,
ווען ענטפערן מען דאַרף אויף די רציחות.
„די לאַנג דערוואַרטעטע שעה האָט אויסגעשלאָגן,

און יעדערער דאַרף גרייט זיין אין באַגינען״ —
אַט וואָס ער דאַרף די חברים זייַנע זאָגן,
און ער איז זיכער, אַז ער וועט געפינען
מוט געגנוג די גרופּע צו באַגייסטערן און פירן,
מיט טויט פאַר טויט צו ענטפערן דעם שונא !
זאָל נאָר זיין האַרץ און זאָל זיין האַנט נישט פרירן
ווען ער וועט גיין אַנטקעגן מערדער ברוינעם.

און שוין האָט זיך עס אָנגעהויבן —
זיי קומען שוין, זיי קומען
פון אַלע זייטן . . .
און אויבן
אויפן דאַך פאַרטייעטע און שטומע
די קעמפער שטייען גרייטע,
די ביקסן אָנגעצילט — זיי וואַרטן.
נאָך אַ מעטער, נאָך אַ מעטער,
און פייער וועט אַ שפּאַר טאָן
גלייך אין די פּרצופים פון די טרעטער
אויפן ברוק פאַרבלוטיקטן פון געטאָ.

ערגעץ פון אַ קעלער
איז אַרויס אַ קינד
מיט הענט צום הימל אויסגעשטרעקטע.
פון שטערן זייַנעם רינט
אַ פּאַסמע בלוט
און הינטער אים
דער ברוק נאָך מער באַפלעקט ווערט.
די דייטשן האָבן אים אַרומגערינגלט
מיט ווילדע אויסגעשרייען,
און יאָסלען דאַכט זיך —
דאָס איז זיין יינגל,
וואָס ווערט פאַרצוקט פון פייער — — —

מער האָט ער נישט אויסגעהאַלטן
און באַפוילן —
איצטער !
און באַלד האָבן זיך קוילן
ווי צעבליצטע
אַ ריס געטאָן פון אָנגעצילטע ביקסן . . .
זיי לויפן, לויפן,
די דייטשן לויפן אין בהלה,
און יאָסל שיקט זיי נאָך אַ קללה — — — —

און שפּעטער קומען זיי
אויפסניי,
און ווידער.
דאָס הויז איז שוין צעשטערט
און יאָסל האָט אַראָפּגענידערט
אונטער חורבות
אינעם בונקער.
עס האָבן נאָך געטליעט דאָ
די לעצטע פונקען
פון דער שלאַכט,
וואָס האָט זיך שוין געלאָשן.
און שפּעטער האָט אַלץ איינגעהילט
די נאַכט . — — — —